

משה נאַדיר

# Moishe Nadir (1885-1943)

MOISHE NADIR was a highly versatile writer who specialized in mocking feuilletons, surrealist comedy, sharp polemic. He was blessed with a highly cultivated sense of the absurd—and did not hesitate to use it.

Nadir, whose real name was Isaac Reiss, left his native Galicia for America at the age of fourteen. His vast output—he was published at seventeen—includes verse, dramatic criticism, stories, reportage, and translations into Yiddish from Hauptmann, Heine, Anatole France, and Peter Altenberg.

Though he lacked the self-discipline that might have made possible a full climax to his career, Nadir made a major contribution to Yiddish literature: he glorified and enriched the language. He was a master of Yiddish vernacular, and precisely for this reason his work is extremely difficult to translate, being full of puns, neologisms, jokes, and word plays that depend for their meaning on an intimate knowledge of Yiddish. But he did demonstrate to colleagues sometimes too concerned with theme and not enough with technique that written Yiddish could be an infinitely plastic and colorful medium of expression—as plastic and colorful as spoken Yiddish itself.

## פֿאַרשלאָפֿן אַ וועלט־אונטערגאַנג

ער איז געווען אַ שלעפֿעריקער. בײַ יעדער געלעגנהייט איז ער געשלאָפֿן. אומעטום: אויף אַלע גרעסטע פֿאַרזאַמלונגען, אויף אַלע קאָנצערטן, אויף אַלע וויכטיקע צונויפֿקומונגען — האָט מען געקאָנט זען, ווי ער זיצט און שלאָפֿט.

און שלאָפֿן פֿלעגט ער אין אַלע מעגלעכע און נישט־מעגלעכע פּאָזעס; ער פֿלעגט שלאָפֿן מיט די עלנבויגנס אין דער לופֿטן און די הענט אויפֿן קאַרק; ער פֿלעגט שלאָפֿן שטייענדיקערהייט אָנגעשפּאַרט אין זיך זעלבסט, כּדי ער זאָל נישט אומפֿאַלן. ער פֿלעגט שלאָפֿן אין טעאַטער, אין גאַס, אין שול. וווּ ער פֿלעגט גיין, פֿלעגן זײַנע אויגן גיסן מיט שלאָף. דער שלאָף פֿלעגט שטענדיק רינען פֿון זײַנע אויגן און לאָזן פֿון זיך אַ שפּור אומעטום. שכנים האָבן וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט שוין פֿאַרשלאָפֿן זיבן גרויסע שׂריפֿות. און איין מאָל — בײַ אַ גאַר גרויסער שׂריפֿה — האָט מען אים אַרויסגענומען פֿון בעט אַ שלאָפֿנדיקן און אים אַוועקגעלייגט אויפֿן טראָטואַר; איז ער אַזוי אָפּגעשלאָפֿן עטלעכע שעה, ביז אַ פּאַטרול־וואָגן איז געקומען און אים אַוועקגעפֿירט אַהין וווּ מע באַדאַרף.

מע האָט אויך דערציילט, אַז בשעת דער דאָזיקער ייִד איז געשטאַנען אונטער דער חופּה און געזאָגט דעם הרי אַת, איז ער בײַ דעם וואָרט מקודשת אײַנגעשלאָפֿן און מען האָט אים געמוזט קלאַפּן איבערן קאָפּ מיט מעשענע שטייסלען עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד, ביז וואַנען מען האָט אים אויפֿגעוועקט, און אַז מען האָט אים שוין אויפֿגעוועקט, האָט ער פּאַמעלעך אויפֿגעעפֿנט די אויגן, אַ זאָג געטאָן דאָס וואָרט לי, וואָס עס קומט נאָך דעם וואָרט מקודשת, און איז ווידער אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

מיר דערציילן דאָס אַלצדינג, כּדי איר זאָלט גלייבן אויף אונדזער העלד אויך די פֿאָלגנדיקע מעשׂה:

איין מאָל, בשעת ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, איז ער געשלאָפֿן און געשלאָפֿן און געשלאָפֿן; נאָר אין שלאָף האָט זיך אים אויסגע־

# The Man Who Slept through the End of the World

MOISHE NADIR

HE WAS always sleepy. And always ready to sleep. Everywhere. At the biggest mass meetings, at all the concerts, at every important convention, he could be seen sitting asleep.

And he slept in every conceivable and inconceivable pose. He slept with his elbows in the air and his hands behind his head. He slept standing up, leaning against himself so that he shouldn't fall down. He slept in the theater, in the streets, in the synagogue. Wherever he went, his eyes would drip with sleep.

Neighbors used to say that he had already slept through seven big fires, and once, at a really big fire, he was carried out of his bed, still asleep, and put down on the sidewalk. In this way he slept for several hours until a patrol wagon came along and took him away.

It was said that when he was standing under the wedding canopy and reciting the vows, "Thou art to me . . ." he fell asleep at the word "sanctified," and they had to beat him over the head with brass pestles for several hours to wake him up. And then he slowly said the next word and again fell asleep.

We mention all this so that you may believe the following story about our hero.

Once, when he went to sleep, he slept and slept and slept; but in his sleep it seemed to him that he heard thunder in the streets and his

דאַכט, אַז סע דונערט אין דרויסן, און אַז דאָס בעט זײַנס שאָקלט זיך אַ קאַפּיטשקע; האָט ער אין שלאָף געמיינט — אַז סע רעגנט אין דרויסן, איז אים דער שלאָף געוואָרן נאָך מער באַטעמט, נאָך מער צום האַרצן; האָט ער זיך אויפֿס פֿריש אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיט גרויס געשמאַק און זעלבסט־וואַרעמקייט.

אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער דערזען אַרום זיך אַ מאָדנע ליידיקייט: זײַן פֿרוי איז נישט געווען, זײַן בעטל איז נישט געווען, זײַן קאָלדרע איז נישט געווען. האָט ער געוואָלט אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער, איז נישט געווען קיין פֿענצטער דורך וועלכן אַרויסצוקוקן. האָט ער געוואָלט אַראָפּלויפֿן די דרײַ שטיגן און שרײַען גוואַלד, האָט ער נישט געהאַט קיין שטיגן, אויף וועלכע אַראָפּצולויפֿן און קיין לופֿט אין וואָס אַרײַנצושרײַען. האָט ער גלאַט אַזוי געוואָלט אַרויסגיין אין דרויסן, האָט ער דערזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין דרויסן — אויסגערונען געוואָרן!

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי צעטומלט און נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז: נאָך דעם האָט ער זיך מיישב געווען: ער וועט זיך לייגן שלאָפֿן, האָט ער אָבער דערזען, אַז ס׳איז נישטאָ אַפֿילו קיין הוילע ערד, אויף וועלכער זיך צו לייגן שלאָפֿן. ערשט דעמאָלט האָט ער צוגעלייגט צוויי פֿינגער צום שטערן און געטראַכט: אַט הפנים, אַז איך האָב פֿאַרשלאָפֿן אַ וועלט־אונטערגאַנג. ס׳אַ שיין פּעקל!

אים איז געוואָרן אומעטיק. נישטאָ קיין וועלט, האָט ער געטראַכט. וואָס זשע וועט ער טאָן אָן אַ וועלט? ווּהין וועט ער גיין אַרבעטן? און פֿון וואָס וועט ער מאַכן אַ לעבן? בפֿרט איצט, אַז ס׳עסנוואַרג איז אַזוי בראַנד־טײַער און אייער קאָסטן אַזוי פֿיל, און ווער ווייסט צי זיי זײַנען פֿרישע, און וואָס וועט ווערן מיט די פֿינף דאָלער, וואָס סע קומט אים פֿון דער גאַז־קאָמפּאַניע? און ווּ איז אַהינגעקומען זײַן ווײַב, צום גוטן יאָר? איז מעגלעך, אַז זי איז אויך אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער וועלט און מיט די דרײַסיק דאָלער, וואָס ער האָט געהאַט אין דער הויזן־קעשענע? און זי איז דאָך פֿון דער נאַטור, טראַכט ער, נישט געווען קיין אונטערגייערקע — דאָס ווײַב זײַנס. און וואָס וועט ער טאָן, אַז ער וועט זיך וועלן לייגן שלאָפֿן?... אויף וואָס וועט ער זיך לייגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין וועלט? און אפֿשר וועט אים קוועטשן? און ווער וועט עס אויסענדיקן דאָס באַנדל אַרבעט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין שאַפּ? און טאָמער וועט ער וועלן אַ גלעזעלע „מאָלטער", ווּ וועט ער נעמען?

„פּכע!" — האָט ער געטראַכט, געזען אַ מאָל אַזוינס? אַ מענטש זאָל זיך לייגן שלאָפֿן מיט דער וועלט אונטערן רוקן און זאָל אויפֿשטיין אָן אַ וועלט... העט אַ ביסל!

און ווי אונדזער העלד איז אַזוי געשטאַנען אין די אונטערוועש און געטראַכט וואָס צו טאָן, איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז כאַפּט עס דער רוח! מילא, איז נישטאָ קיין וועלט! וואָס זאָל מען טאָן? אונטערגעגאַנגען, און פֿאַרפֿאַלן; וועט ער אַוועקגיין אין קינאָ און זיך אַ ביסל פֿאַרווײַלן די צײַט. אָבער צו זײַן גרויס איבעראַשונג, האָט ער דערזען, אַז אין איינעם מיט דער וועלט זײַנען אויך אונטערגעגאַנגען די קינאָמאַטאָגראַפֿן, מיט אַלעמען.

אַ שיין חתונהקעלע האָב איך דאָ אָנגעאַרבעט! — האָט געטראַכט אונדזער העלד און זיך גענומען גלעטן די וואָנצעס מיט דער לינקער זײַט פֿון זײַן האַנט און האָט ווײַטער געטראַכט: אַ שיין חתונהקעלע האָב איך דאָ אָנגעאַרבעט מיט מײַן שלאָף! אַז איך וואָלט נישט געווען פּאָפּן אַזוי שטאַרק — האָט ער זיך אַליין געזידלט — וואָלט איך כאָטש געווען אונטערגעגאַנגען גלײַך מיט אַלע־



bed was shaking somewhat; so he thought in his sleep that it was raining outside, and as a result his sleep became still more delicious. He wrapped himself up in his quilt and in his warmth.

When he awoke he saw a strange void: his wife was no longer there, his bed was no longer there, his quilt was no longer there. He wanted to look through the window, but there was no window through which to look. He wanted to run down the three flights and yell, "Help!" but there were no stairs on which to run and no air in which to yell. And when he wanted merely to go out of doors, he saw that there was no out of doors. Evaporated!

For a while he stood there in confusion, unable to comprehend what had happened. But afterward he bethought himself: I'll go to sleep. He saw, however, that there was no longer any earth on which to sleep. Only then did he raise two fingers to his forehead and reflect: Apparently I've slept through the end of the world. Isn't that a fine how-do-you-do?

He became depressed. No more world, he thought. What will I do without a world? Where will I go to work, how will I make a living, especially now that the cost of living is so high and a dozen eggs cost a dollar twenty and who knows if they're even fresh, and besides, what will happen to the five dollars the gas company owes me? And where has my wife gone off to? Is it possible that she too has disappeared with the world, and with the thirty dollars' pay I had in my pockets? And she isn't by nature the kind that disappears, he thought to himself.

And what will I do if I want to sleep? On what will I stretch out if there isn't any world? And maybe my back will ache? And who'll finish the bundle of work in the shop? And suppose I want a glass of malted, where will I get it?

Eh, he thought, have you ever seen anything like it? A man should fall asleep with the world under his head and wake up without it!

As our hero stood there in his underwear, wondering what to do, a thought occurred to him: To hell with it! So there isn't any world! Who needs it anyway? Disappeared is disappeared: I might as well go to the movies and kill some time. But to his astonishment he saw that, together with the world, the movies had also disappeared.

A pretty mess I've made here, thought our hero and began smoothing his mustache. A pretty mess I've made here, falling asleep! If I hadn't slept so soundly, he taunted himself, I would have disappeared along with everything else. This way I'm unfortunate, and where will I get a malted? I love a glass in the morning. And my wife? Who

knows with whom she's disappeared? If it's with that presser from the top floor, I'll murder her, so help me God.

Who knows how late it is?

With these words our hero wanted to look at his watch but couldn't find it. He searched with both hands in the left and right pockets of the infinite emptiness but could find nothing to touch.

I just paid two dollars for a watch and here it's already disappeared, he thought to himself. All right. If the world went under, it went under. That I don't care about. It isn't my world. But the watch! Why should my watch go under? A new watch. Two dollars. It wasn't even wound.

And where will I find a glass of malted?

There's nothing better in the morning than a glass of malted. And who knows if my wife . . . I've slept through such a terrible catastrophe, I deserve the worst. Help, help, hee—lp! Where were my brains? Why didn't I keep an eye on the world and my wife? Why did I let them disappear when they were still so young?

And our hero began to beat his head against the void, but since the void was a very soft one it didn't hurt him and he remained alive to tell this story.

*Translated by Irving Howe*

מען. אַזוי בין איך, חלילה, אומגליקלעך; און וווּ וועל איך באַקומען אַ ביסל „מאַלטעד“? כ׳האָט האַלט אַלע אין דער פֿרי צו טרינקען אַ גלעזל „מאַלטעד“. און מײַן פֿרוי? ווער ווייסט, מיט וועמען זי איז אונטערגעגאַנגען? אפֿשר איז זי אונטערגעגאַנגען מיט דעם אונטער־שמעקער פֿון אונטערשטן שטאָק, וועל איך זי דערהרגענען. זאָ וואַר מיר גאָט העלפֿט! ווער ווייסט ווי שפּעט ס׳איז שוין?

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט אונדזער העלד געוואָלט אַ קוק טאָן אויף זײַן אינגערסאָל־זייגערל, אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט געפֿינען, ער האָט געזוכט מיט בײדע הענט אין דער רעכטער און לינקער קעשענע פֿון דער ריזיקער ליידיקייט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָנטאַפּן קיין שום זאַך.

ערשט באַצאָלט צוויי דאָלער פֿאַר אַ זייגערל און ס׳איז שוין אונטערגעגאַנגען, האָט ער געטראַכט, מילא, אַז די וועלט איז אונטערגעגאַנגען, — האָט ער זיך ווײַטער געפּלאָנטערט אין געדאַנקען — אַרט מיך נישט, ס׳איז נישט מײַן וועלט. אָבער דאָס זייגערל! פֿאַר וואָס זאָל מײַן זייגערל אונטערגיין? אַ נײַ זייגערל פֿאַר צוויי טולער, און ס׳איז נישט אָנגעצויגן, מע דאַרף עס אָנציִען.

און וווּ וועל איך בעמען אַ גלעזל „מאַלטעד“?

כ׳האָב האַלט צו טרינקען אַ גלעזל „מאַלטעד“ אַלע אינדערפֿרי. און ווער ווייסט, צי מײַן פֿרוי איז נישט אונטערגעגאַנגען מיט דעם אונטער־שמעקער פֿון דעם אונטערשטן שטאָק. און איך האָב פֿאַרשלאָפֿן אַזאַ גוואַלדיקע וועלט־אונטערגאַנג; מעג נישט קומען אויף מיר אַ פֿינצטער יאָר, אַ וויסטס? גוואַלד! גוואַלד!... — האָט ער גענומען שרײַען. וווּ איז געווען מײַן שכל? פֿאַר וואָס האָב איך נישט געהאַלטן קיין אויג אויף דער וועלט און אויף מײַן פֿרויקע? פֿאַר וואָס האָב איך זיי געלאָזט אונטערגיין אַזוי יונג? גוואַלד!...

און אונדזער העלד האָט זיך גענומען שלאָגן דעם קאָפּ אין דער פּוסטקייט, נאָר אַזוי ווי די פּוסטקייט איז געווען זייער אַ ווייכע, האָט עס אים נישט געשאַט און ער איז געבליבן לעבן צו דערציילן די דאָזיקע געשיכטע.

## דער סוף, נעבעך



## שויפענצטער פון ניו יאָרק

דאָס וואַקסקעפּל מיטן עפּלגרינעם היטעלע און מיט אַ זילבער
אוירינג
ווי אַ בלאָטשלאָס, אין דער אויסלאַגע· פון פרויען־קליידער,
דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך אַטאָמאַטיש.
דאָס שויפענצטער שטייט ביז איבערן האַלז אינם בלאָען ליכט
פון צוויי שיפּע גלאָזרערן, ווי אָנגעשוואָלענע אָדערן פון פייער־
בלוט.
אַ פוס אַ וואַקסענער, אַ פוס פאַרזיכאַליין, אַן עגאָאיסטישער פוס
מאַכט שאַבעס פאַר זיך אַליין אין· אַ שפּאָגל־נייעם זאָק. און האָט
נישט וואו צו גיין.
עס שטייט אים גאָרנישט אָן צו האָבן צו טוען מיט די פיס, וואָס
טראָנדלען אַרום אַף געמיינע טראָטואַרן.
„$1.95 באַנקראָט־אויספאַרקויף. אונזער פאַרלוסט—אייער
געווינס !"
אַ שטומפּיקע פלייש־אידענע, וואָס ווען אַ קאַניבאַל דערזעט זי
קריגט ער די פלאַץ,
בלייבט שטייען. קנייפּט עפּעס אַרויס פון אַ טיפער
מאַנטלקעשענע און וואַרפט אין צעשפּאַרטן מויל אַריין,
וואָס איז פול מיט גאָלד, און מיט פאַרפומירטער צונג און מיט
אַ שמאַלצן געלעכטער.
אַן איינזייטיקע, פאַרמעטענע ציגיינערין אַ אידישע, וואָס
באַוועגט זיך
מיט אַ סווישטש, דעם קאָפּ אַף אַ זייט, דעם רעכטן אַקסל אַף
אַ זייט,
זיך אַליין אַף אַ זייט—
סוויסטשעט־דורך מיט בלישטשיקע שוואַרצע לאָקן,
רוישיקע שאַלן, לאַמטערן־אוירינגען

און מיט „פאַרגעסט־נישט־ווער־איך־בין" אין די אויגן פאַרוויינ־
טע, ראָמאַנטישע, דראַמאַטישע.
און דאָס קעפּל דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך אַטאָמאַטיש.

אַ בולדאָגישע, כעמיש־בלאָנדע נעקייווע
מיט אַ פלוי־פאַרביק בולדאָגל אַף אַ געפלאָכטן לעדער־קייטעלע,
גיט אַ קוק
מיט קליינע קנעפּל־אייגעלעך און גייט אַוועק מיט אַ :
— היר, פּופּסי... היר ליטל סאָן... היר... היר!
זי שלייכט אַוועק צום צווייטן פענצטער פון אַ פויגל־געוועלב.
דאָרט לויזן זיך מאַלפּעס.
אַ קליין מאַלפּעלע מיט אַ פּיצל פליישל צישן די פיסלעך
און מיט אַן אַרונטערהייננגענדיק בייטעלע, קוקט מיט זאָקן־
אויגן
אַף די די ווייבער, וואָס שטייען אַרום און כיכיקען.
עס ווערט אים נישט גוט. גיט ער אַ ברעך־אָפּ און
לייגט זיך שלאָפן.
אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ שאַרפן הויזן־קנייטש און אַ האַרט
מולטערל
אַפן צוגעגלעטן, אַטלעסענעם קאָפּ, איילט זיך ערגעץ,
בלייבט פלוצים שטיין לעבן פויגל־געשעפט, כאַפּט אַ פלינקן
קוק אַף
די ווערוויקעס, ווייסע מייז, און פאַרדריסקעטע, שריי־
ענדיקע פּאַפּוגאַיעס.

**Display Windows of New York**

The wax head with the apple-green hat and a silver earring
Like a deadlock, in the display window of women's dresses, turns and turns and turns around automatically.
The display window is up to its neck in the blue light of two diagonal neon tubes like swollen veins of fire-blood.
A wax leg, a leg foritsownsake, an egotistic leg makes Sabbath for its own sake in a brand new stocking. And has noplace to go.
It's beneath it to deal with the legs shuffling around on common sidewalks.
"$1.95 going-out-of-business sale. Our loss -- your gain!"
A dull fleshy woman -- if a cannibal saw her, he'd have a fit --
Stops. Pinches something from a deep
Coat pocket and tosses it into her gaping mouth,
Full of gold and a perfumed tongue and an oily laugh.
A one-sided, parchment gypsy, Jewish, moving
With a swish, head sideways, right shoulder crooked,
Herself on the side --
Swishing by with shining black locks, noisy shawls, lantern earrings
And with "don't-forget-who-I-am" in her eyes, her weeping, romantic, dramatic eyes.
And the head turns, turns, turns around automatically.

A bulldog-faced, chemically blond female
With a flea-collared bulldog on a woven leather leash, casts a glance
With small button-eyes and walks away with:
-- Here, Poopsie...Here little son...Here...Here!
She shuffles off to another window of a bird store.
There monkeys are picking lice.
A little monkey with a tiny piece of flesh between its legs
And with a drooping bag, looks with ancient eyes
At the women surrounding him and giggling.
He gets sick of it. So he throws up and goes to sleep.
A young man with a sharp crease in his pants and a hard bucket
On his sleek velvet head, hastens somewhere,
Suddenly stops at the bird store, furtively glances
At the squirrels, white mice and splattered screaming parrots.

שפּייט אויס אַ האַלב ציגאַרל
און שטופּט די קורצזיכטיק־לאַנגע נאָז—
האַרט צו שויב, ווי ער וואַלט זיך וועלן דורכבויערן אַ לעכל
דורך דער שויב צו די ווייסע מייז און איינגערעכטע
פּאַפּוגאַיעס.
דער טומל גייט ווי בלאָטיקער טייך. ווערט נישט ווינציקער,
און ווערט נישט קערצער.
ער ברעכט זיך אַקראָבאַטיש אָף ליכט־פאַרבן, וואָס קומט פון די
שויפענצטער
און בלייבט שטיין אָף אַ נערוועזער האַלבער מינוט
ווען דאָס רויטע „טרעפיק"־אויג פון אַן עלעקטריש געזעץ
צינדט זיך אָן און הוידעט זיך איבער די ראָגן, און וואָרנט:
— לאָזט דורך די ברייט דורך דער לענג!

און אַז די לענג הויבט זיך ווידער אָן באַוועגן, שטייען די זייט־
גאַסן ווי אַ משוגענער, רווישיקער ציילעם, וואָס די לענג
פליסט און די ברייט גליווערט.
צוויי אַרבעטער קומען מיט אַ האַנטוועגעלע, פול מיט געצייגן
אייזערנע:
שרויפנדרייערס, לאָמעס, לאַמטערנס, העק, פּיקעס, לייט־אייזנס.
איינער שטופּט זיך אַריין אין אַ פּאָר גומי־שטיוול, וואָס זענען
שוין הויזן אויך.
און הויבט־אויף אַ שמעטער־האַמער
ווי אַן אייזערנע פאָן.
דער אַנדערער נעמט אַרויס אַ שמעלין־טאָפּ, אַן אַצעטאַלין־
פאַקל,
טוט אָן געלע פייער־ברילן ווי אַ דאָמינאָ און נעמט עפּעס שמעלצן.
ביידע בלייבן שטיין אין רינשטאָק וואו אַ לאַמטערן ברענט מיט
אַ רויט גלעזל.
דער אין די גומי־הויזן־שטיוול נעמט אַראָפּ די אייזערנע פּאָ־
קרישקע פונם קאַנאַל,
שטעלט זיך אָף די קניִעס, קוקט אַריין.
ער מאַכט זיך גרייט קריכן אין איפּעשריקן קאַנאַלנלאָך,
צו פאַרריכטן דאָרטן אַ רערן־נעץ, וואָס קען קאַלי־מאַכן
דאָס טרינק־וואַסער. קען פאַרפּעסטן די לופט, קען ברענגען אַ
מאַגייפע.
קען אָנפילן די טשערפּינע קאַנאַל־קישקעס מיט גאָז. קען
אויפרייסן
ווי דינאַמיט און כאָרעוו־מאַכן עטלעכע גאַסן אַרום.—
אַ דזשענטלמאַן מיט אַ זילבערנעם צוויקער און אַ יאַמשימשאָק
און געפּאַקטע כאַזער־הויט־האַנטשיך, און אַ קליין וואָנטשעלע
אונטער דער נאָז, ווי אַ פליג, און אַ בינטל בלומען אין אַ
גרינלעכן
ציגאַרפּאַפּיר, צענויפגעדרייט ווי אַ שקאַרמיץ, גייט פאַרביי
מיט גיכע, לאַקירטע טריט.
שלאָגט זיך צענויף מיטן אַרבעטער, וואָס אין די גומענע הויזן.
— אַי בעג יור פּאַרדאָן, סיר!
— גאָ טו העל, סיר!
דער אין די גומענע הויזן שמייכלט, קרימט איבער דעם יאָלד
מיט די בלומען,

ווייזט אַ גאַנג ווייסע, שאַרפע, שפּיציקע ציין.
דער פראַנט ווערט בלאַס און ציט־אָפּ מיט אַן איידל פאָנפען,
באַגלייט פון דעם אַצעטאַלין־ליכט, וואָס שיפּעט ווי אַ גרינע
פייער־שלאַנג
אַרום זיין טויט־דערשראָקן פּנים.

פייערלעשער פליען פאַרביי אָף קעסלדיקן לעש־וואָגן מיט אַ
פייף און אַ טין־טין־טין פון אַ בלישטשעדיקן, הוידענדיקן
גלאָק, וואָס אַ בלאָער אַרבל ציט בײַ אַ שטריקל.
די לאַנגע גאַס האַלט־איין דעם אָטעם, גיט אָפּ טשעסט די
פייערלעשערס, זי מאַכט אַ וועג.
דער טין־טין־טין ענגבערט זיך אַריין מיט אַ שפּיציקן פייף
ערגעץ אין דער גענגט אַרום סענטראַל־פּאַרק־וועסט.

He spits half a cigar

And thrusts his myopic long nose --

Hard up to the window pane as if he wanted to drill a hole through the pane to the white mice and dirty parrots.

The commotion moves like a swampy river. Does not diminish and doesn't grow shorter.

It splinters acrobatically into light-colors coming from the display windows

And stops for one half nervous minute

When the red traffic-eye of an electrical law

Lights up and sways over the streetcorner and warns:

-- Let the breadth go through the length!

And when the length starts moving again, the sidestreets stop like a crazy, noisy cross, whose length flows and breadth gells.

Two workers come with a wheelbarrow full of iron tools:

Screwdrivers, pickaxes, lanterns, axes, welding torches.

One climbs into a pair of rubber boots which serve as pants as well

And lifts a sledgehammer

Like an iron banner.

The other takes out a welding pot, an acetylene torch

Dons yellow fire-goggles like a mask and welds something.

Both stand in the gutter where a lantern burns with a red light.

The one with rubber boot-pants takes the iron cover off the manhole,

Kneels down and peeps in.

He prepares to crawl into the stinking sewer,

To repair the pipes that might pollute

The drinking water. Might poison the air, might bring an epidemic.

Might fill the earthenware sewer-guts with gas. Might explode

Like dynamite and destroy several streets. --

A gentleman with a silver pince-nez and a bamboo walking stick

And pocked pigskin gloves, and a tiny moustache

Under his nose, like a fly, and a bunch of flowers in greenish

Tissue paper, rolled like a cigarette, walks by

With swift, lacquered steps.

Bangs his nose on the worker in the rubber pants.

-- I beg your pardon, sir!

-- Go to hell, sir!

The man in the rubber pants smiles, mimics the jerk with the flowers,

Shows a row of sharp, white, pointed teeth.

The dandy turns pale and flees with a polite snort,

Accompanied by the acetylene light that hisses like a green fire-serpent

In his dead-scared face.

Firemen fly by on a kettle firetruck with a whistle and tin-tin-tin of a shining, swinging bell, pulled by a blue sleeve.

The long street holds its breath, salutes the firemen, makes way.

The tin-tin-tin drills its sharp whistle somewhere around Central Park West.

A moment later, only a ribbon of smoke remains, like a torn banner over a battlefield,

Where the dead rise up and scream and laugh and beat each other

And flee in all directions, with a plop and a screech and a whistle --

And soon come back -- like a mass scene in a Yiddish theater.

On a bench in the island at Broadway and 75th Street,

Under a dusty tree, lies a tramp with a mossy face, his hands under his head, dozes off.

His hairy, bare, wide chest is itself an island

In the wastelands of rich New York.

A tall, thin philanthropist with a stiff chignon under an old-fashioned hat

Passes by with a little do-gooder, stops at the dusty tree where a discarded, homeless man is lying

And turns to the little woman:

-- Too bad for the tree! So dusty.

-- A tree should never be born in a city.

The tramp lifts his disheveled head and says, dramatically and sore:

-- Nu, and I? Say...Listen...

The two women are scared and bustle off with mincing bird-steps and delicate bird-talk, about "Lord Jesus" and "Isn't this unemployment terrible?..."

And the head in the display window

Turns, turns, turns around automatically.

And the sick monkey's asleep.

And the white mice caper joyously

And a splattered parrot squeals:

-- America, I love yo-oo...Krrr,

**-- America, I love yo-oo...Krrr.**

אין אַ רעגע אַרום בלייבט בלויז אַ פּאַסמע רויך, ווי אַ צעריסענע פאָן איבער אַ שלאַכטפעלד,
וואו די טויטע שטייען־אויף און שרייען גוואַלד און לאַכן און שלאָגן זיך
און צעלויפן־זיך, מיט אַ פּליעסק און אַ קוויטש, און א פייף—
און קומען באַלד קאַריק—ווי אַ מאַסנסצענע אין אַ אידיש טעאַטער.

אַף אַ באַנק אין אַ דורכגאַנג־אינזעלע, באַ בראָדוויי און 75טע גאַס,
הינטער אַ פאַרשטויבטביימל, ליגט אַ טרעמפּ מיט אַ מאַכיק פּאָנים, מיט די הענט הינטערן קאָפּ און דרימלט אַביסל.
זיין האַריקע, אויפגעדעקטע, גרויסע ברוסט, איז אַליין אַן אינזעלע
אין די וויסטע מידבאַריוסן פון רייכן ניו יאָרק.
אַ הויכע, דאַרע באַלראַכמאָנעסניצע מיט אַ שטייף קוגעלע הינטער אַן אַלטמאָדיש היטעלע,
גייט פאַרביי מיט אַ קליין גאַבעטעלע, שטעלט זיך אַפּ לעבן שטויביקן ביימל, וואו אַ מענטש ליגט אויסגעשפּיגן, פאַר־וואַרלאָזט,
און זי גיט אַ מאַך צו דער קליינער:
— אַ ראַכמאָנעס אַפן ביימל! אַזוי פאַרשטויבט, נעבעך.
— אַ בוים אין שטאָט זאָל גאַרנישט געבוירן ווערן.

דער טרעמפּ הויבט־אויף דעם צעשויבערטן קאָפּ און זאָגט הייזעריק און טעאַטראַליש:
— נו, און איך? סעי... ליסן...
די צוויי דערשרעקן זיך און רוישן־אַוועק מיט דריבנע פויגל־טריט און איידעלע פויגל־ריידעלעך, וועגן דעם „לאָרד דזשיזוס... און „איזנט דהיס אַנעמפּלאָימענט טע־ריבל?..."

און דאָס קעפּל אינם שויפענצטער
דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך אַטאָמאַטיש.
און דאָס קראַנקע מאַלפּעלע שלאָפט.
און די ווייסע מייז האָפּסלען און זיינען פריילעך
און אַ פאַרדריסקעטע פּאַפּוגאַי קריטשעט:
— אַמעריקע, אַי לאַוו יו־ה... קרר,
— אַמעריקע אַי לאַוו יו־ה... קרר.







דיין געחויקערט לעבן
וויל איך דאָ פאַרשעלטן;
כיקום מיט שווערט
צעגלאַנצן
דעם אָפּשיין
פון די וועלטן!

ניו־יאָרק, 1982